בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | מקץ | כ"ד כסליו | תשע"ב | מגילה: ג.

## באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן שפעט ביינאכט נאכ'ן געזעגענען אנ"ש אין קרית יואל האט דער רבי שליט"א באשיינט דעם מעמד סיום מס' פסחים וועלכער איז געלערנט געווארן ביים שיעור פון חדב"ן הגה"צ ר' שמעון זאב שליט"א רב ביהמ"ד ישמח משה, און איז פאהרגעקומען בביהמ"ד ישמח משה אין שכונת ברך משה.

נאכ'ן זינגען פאסיגע ניגונים לכבוד המאורע האט דער רבי שליט"א געוואנטשן לחיים לכל הקהל הקודש און דערנאך משמיע געווען דברות קדשו לרגל די מאורע. נאך די לחיים איז דער רבי שליט"א אריין בחדר הפרטי ווי דער רבי שליט"א האט אויפגענומען די תושבי השכונה נדיבים בעם וועלכע האבן זיך מתנדב געווען מיט שיינע סכומים לטובת דעם קרן הבנין פונעם נייעם פראכטפולן ביהמ"ד אין די געגנט וואס ווערט אצינד געבויעט בס"ד, און דאן האט דער רבי שליט"א באזוכט דאס ארט ווי מען האט שוין אנגעהויבן די בוי ארבייט.

*-מחיל אל חיל-*

---

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – סניף דברי יואל ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אהרן זאב גלויבער הי"ו פון וויליאמסבורג. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

---

אין די מיטאג שעה'ן זענען הגאונים ראשי ישיבות – בני הגאון רבי דן אונגארישער זצ"ל ראש ישיבת ביהמ"ד עליון, געקומען אויף א באזוך צו מרן רבינו שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער תורה'דיגער שמועס.

---

## והדליקו נרות בחצרות קדשיך

מרן רבינו שליט"א צינדט די חנוכה ליכט יעדע נאכט פון די ימי חונכה אום 8:45 אין ביהמ"ד הגדול אין

קרית יואל, נאכפאלגענדיג מיט דברי תורה לכבוד חנוכה.

פון דאנערשטאג נאכט – ליל ג' דחנוכה ביז מוצש"ק ליל ה' דחנוכה וועט זיך מרן רבינו שליט"א געפונען אין די שטאט אין וועט אי"ה צינדן חנוכה ליכט בביהמ"ד הגדול, נאכגעפאלגט מיט דברי תורה.

אזוי אויך וועלן אי"ה די ביידע אויבענדערמאנטע נעכט זיין זמני כניסה אין וויליאמסבורג בחדרו הפרטי פון מרן רבינו שליט"א שע"י ביהמ"ד המפואר אויף 13 הופפער גלייך נאך די דברות קודש.

# אלפי ישראל פייערן יום הצלה והשחרור כ"א כסליו אין ניו יארק סטעיט ארמארי בעדפארד עוו.

די אומגלויבליכע צאל פון שווערע צענדליגער טויזנטער אידן אנשי שלומינו ההולכים בדרך התורה והיראה, פון איבער די גאנצע געגנט פון ניו יארק רבתי יצ"ו וועלכע האבן פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש אנגעפילט דעם מעכטיגן גיגאנטישן "ניו יארק סטעיט ארמארי" אין קראון הייטס, זענען נאך אלץ אונטערן רושם פון די לאנגע שעות של קורת רוח ותענוג רוחני וואס מ'האט זיך אנגעשעפט ביי דעם געהויבענעם "כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם", דער צענטראלער "סעודת הודאה" ביום כ"א כסלו, ביום הצלה והשחרור פון רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע, וואס איז געפראוועט געווארן במחיצתו ובצל קדשו פון ממלא מקומו וממשיך דרכו כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, בשבת אחים גם יחד, אין א הייליגע לאנג-שעה'יגע אטמאספערע, כולו קודש לה'.

דער אויבנאן איז געווארן געבויעט אויף א פולע צוויי שטאקיגע פלאטפארמע אויפן גאנצן ברייט פונעם בנין, מיט הונדערטער זיץ פלעצער פאר די רבנים, אדמורי"ם וראשי ישיבה שליט"א. א באזונדערער פלאטפארמע איז געווארן געבויעט אויפן גאנצן ברייט פונעם זאל, פארנט פון דער בימת הכבוד, פאר די זקני שארית בית ישראל, די שרידים מוצלים מאש, וואו עס זענען געווארן אויסגעזעצט די עלטערע אידן פון פריערדיגן דור, די אידן וועלכע האבן אליינס מיטגעמאכט זייערע פערזענליכע נסים און איבערלעבענישן ביז צו זייער באפרייאונג, און פייערן זייער אייגענעם יום הצלה.

אויף א דעזיגנירטן ארט אינעם צענטער פונעם זאל איז געווען באשטימט פאר די נדיבים בעם, די נגידים חשובים לבית סאטמאר, וועלכע זענען ראשונים לדבר מצוה און לאזן זיך קאסטן מהונם לכל קדשי בית סאטמאר, ווי אויך פאר די ראשי הקהלות והמוסדות מרחבי ניו יארק, וואו זיי זענען געזעצט געווארן לפי כבודם און באקומען זייער פארדינטן כבוד פאר זייערע פולע לייסטונגען לטובת הקהלה והמוסדות צו ארויסהעלפן אין אנפירן די הייליגע ירושה פון רבינו הק' זי"ע דער בעל הנס.

אויף די צוויי זייטן פונעם זאל, אויף די גאנצע לענג אראפ, איז געווען אויפגעשטעלט ספעציעלע פלאטפארמעס מיט פרישע הונדערטער טישן, וואו עס זענען געווארן פלאצירט די הונדערטער אברכים צעירים, יוצאי מתיבתא תורה ויראה אין די לעצטע יארן, וואס זיצנדיג עטוואס אין דער הייעך האט דאס זיי ערלויבט מיטצוהאלטן דעם גאנצן מעמד מהחל ועד כלה.

אויף די אונטערשטע טייל פון די פלאטפארמעס, זענען געווען אויסגעזעצט מיט דרך ארץ און

איידלקייט, די פילע טויזנטער בחורי חמד תלמידים מובחרים פון די ישיבות קדושות ד'סאטמאר, וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל, מאנסי, ועוד. ביי שיין געדעקטע טישן האט דער ציבור זיך גענוואשן צו די סעודת הודאה, און זיך מתעלס געווען באהבים בכינוס ידידים וריעים, טרעפנדיג זיך מיט חברים פון לאנגע יארן, און זיך דערמאנענדיג פון די זיסע לעכטיגע יארן אין דער פארגאנגענהייט, הקטן לפי קטנו והגדול לפי גדלו. בליץ שנעל איז דער גאנצער זאל געווארן פולער און פולער, אז די עסקנים האבן געמוזט ארומגיין האלטן ארדענונג און מסדר זיין די פריש אנגעקומענע געסט.

ביים אריינגאנג צום זאל איז יעדער יחיד געווארן אויפגענומען דורך די חשובע עסקנים. מ'האט אריינגעלייגט אסאך כוחות צו פארזיכערן אז יעדער וואס קומט אריין אין גרויסן זאל, זאל קענען גרינג און באקוועם צוקומען צום טישל צו איבערגעבן "דינער געלט". ביים אריינקומען אין זאל איז מען פארבייגעגאנגען די לאנג-שטרעקיגע עסקנים-טישלעך וואו מ'האט תורם געווען די נדבות פאר די מוסדות הקדושים, און פון דארט געגאנגען ווייטער צום צענטער פונעם גרויסן זאל.

גאר באזונדער איז געווען דער הויפט שליסל צום סוקסעס, דער נייער ספר "משולחן מלכים" וואס אנטהאלט נאענט צו 70 שיחות קודש פון רבי'ן שליט"א מיט גדולי הרבנים ואדמורי"ם מפורסמים שליט"א אין שנת תשס"ט. דער ספר איז פארטיילט געווארן פאר די נדבה פון $250 און איז צוכאפט געווארן אין די טויזנטער דורך די משתתפים.

במשך דעם גאנצן אווענט האבן מהנה געווען מיט נגינה די בארימטע און טאלאנטירטע קאפעליע "שירה", און באזונדער האט מהנה געווען דער באקאנטער חזן ונועם נגן, מו"ה אייזיק האניג הי"ו. ס'איז געווען א שעה של קורת רוח מיטצוהאלטן די ניגונים פון אלטן אוצר, פול מיט טעם און אידישן חן, הארציגע מעלאדיעס און באקאנטע ניגוני דביקות ושמחה מיטן פולסטן געשמאק.

אלס יושב ראש פונעם גרויסן מעמד האט געדינט הרב הגאון המהולל, פה מפיק מרגליות ופנינים ומלהיב לבבות ישראל בדרשותיו הנלהבות בהשקפה ברורה, מרביץ תורה ויראה לפרחי צאן קדשים, הרב שמואל שלמה טעללער שליט"א, מרביץ תורה אין די הייליגע מוסדות אין קרית יואל, וועלכער האט מיט זיין קלארע שפראך און בליציגע געדאנקען גאר טרעפליך ארויסגעברענגט דעם באדייט פון די מסיבה של מצוה, און בנועם שפתיו געפירט די גאנצע מסיבה בטוב טעם ודעת.

אן עלעקטרישן שטראם האט ארומגענומען דעם גאנצן זאל, ווען די כלי זמר האבן אנגעהויבן דעם באקאנטן געזאנג אויפן פסוק "חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו", וואס האט אנגעזאגט כבוד קדושת מרן אדונינו מורינו ורבינו הגה"ק שליט"א קומט יעצט אריין אין זאל.

ספאנטאן האט דער גאנצער ציבור זיך געהויבן פון די פלעצער, און ענטוזיאסטיש אריין אין א געהויבענעם טאנץ אויפן פסוק "חסדי ה' כי לא תמנו", וואס האט אריינגעצויגן די מאסן אין העכערע ספערן פון שמחה והודאה.

דער רבי שליט"א שפרייזט ארויף צום צענטער פון אויבן-אן און באגריסט זיך מיט די רבנים הגאונים הצדיקים ואדמורי"ם שליט"א, און ווען דער רבי שליט"א ערשיינט צום צענטער אל מקומו הראוי לו, פלאצט דער ציבור אויס אין א פרישן געזאנג וואס

וואקסט איבער דאס פריערדיגע, מפזזים ומכרכרים בכל עוז ותעצומות, ווען דער רבי שליט"א כאפט זיך אן מיט די רבנים הגאוה"צ שליט"א, און דער גאנצער קהל הקודש טאנצט אינאיינעם בשיר ושבח לחי עולמים אויף די חסדים ביז אהער, ותפלה על העתיד.

דאן האט דער יו"ר מכבד געווען מיט די דרשה לכבוד היום, הגה"צ אב"ד דקהלתינו וומסב"ג שליט"א. דער יושב ראש האט ארויסגעהויבן די פעולות פון רב שליט"א לטובת די מוסדות הק', וואו ער קומט כסדר פארהערן און העלפט ארויס די הנהלת המוסדות, און בכלל שטייט דער רב שליט"א בראש פון די סאטמארער קהלה קדושה אין וויליאמסבורג. יעצט האט ער פארבעטן דעם רב שליט"א צו זאגן די דרשה לכבוד העם הנאספים. דער ריזן ציבור האט גאר שטארק הנאה געהאט פון די דברי פי חכם חן די דרשה פון רב שליט"א.

דער רבי שליט"א האט זיך געוואשן צו די סעודת הודאה און מעריך געווען שלחנו הטהור אשר לפני ה' במעמד רבבות אלפי ישראל, וכולו אומר כבוד והדר ווען דער ריזן פארזאמעלטער ציבור זיצט ופניהם אל מול הקודש.

דער רבי שליט"א האט מסיים געווען מס' פסחים, און אנגעהויבן מס' מגילה כנהוג, און דאן געזאגט קדיש דרבנן, וואס האט נאכגעפאלגט מיט א הילכיגן "אמן יהא שמי' רבה" דורך אלפי ישראל, בכל כוחם ובכל כוונתם.

דא האט דער יו"ר מכבד געווען במקהלות רבבות אלפי ישראל דעם איבערגעגעבענעם אדמיניסטראטאר פון די מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג, הרבני החשוב המפואר, איש המעש ורב פעלים, מו"ה מרדכי אלעזר הירש הי"ו, וועלכער דינט אלס שליח נאמן לשולחיו אלס מנהל כללי אינערהאלב די מוסדות הקדושים און אירע פליגלען. דער חשובער אדמיניסטראטאר האט טרעפליך און קורץ איבערגעגעבן א רעפארט פונעם אומגלויבליכן וואוקסט פון די מוסדות הקדושים, און דער שווערער מצב בגשמיות, וואס דער ציבור האט זיך צוגעהערט מיט שטארקע אינטערעסע.

דאן איז געקומען דער ערווארטעטער מאמענט פון כבוד התורה, ווען מ'האט געהערט די דרשה פונעם נואם הכבוד הגאון הגדול רבי מיכל זילבער שליט"א פון ירושלים עיה"ק.

א לענגערע צייט האט דער חשובער נואם הכבוד שליט"א געהאלטן געשפאנט דעם ציבור מיט די דרשה נלהבה, בדברי פי חכם חן, וואו ער האט געשילדערט לעכטיגע זכרונות פון די יארן ווען רבינו הק' זי"ע האט געוויילט אין ירושלים עיה"ק און זיין הייליגע השפעה אויף די גאנצע וועלט. ס'איז געווען א מחזה הוד והדר פון ריכטיגע כבוד התורה זעענדיג דעם געוואלדיגע הערצה און דארשט פונעם ריזן ציבור, זיצנדיג מיט די פולסטע ערנסטקייט ועושים אזנם כאפרכסת צו הערן די דרשה פונעם גרויסן גאון וגדול בתורה שליט"א.

באלד נאך די דרשה פון ראש ישיבה שליט"א, איז מען צוגעקומען צום קלימאקס פונעם מעמד, דער הויכפונקט פון דעם ליל ההצלה, ווען מ'האט געהאט די זכי' צו הערן דעם משא דבר ה', בחובת השעה והזמן לרגל יום ההודאה, פון דעם פום ממלל רברבן, דער רבן ומאורן של ישראל כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

די תוכן דברות קודש וועט אי"ה נאכפאלגן בעז"ה.

נאך די דברות קודש האט גאנצער פארזאמעלטער ציבור ספאנטאן אויסגעבראכן אין א הילכיגן טאנץ בזמירות שירות ותשבחות צו השי"ת, מיטן פסוק ההודאה "בך בטחו אבותינו בטחו ותפלטימו וגו'", און אנדערע פסוקי הודאה, "טוב להודות לה' ולזמר לשמך עליון", לויבנדיג דעם אויבערשטן אויף די גרויסע חסדים וואס ער טוט מיט קהל עדתינו, וואס מ'איז זוכה זיך צו פרייען בתוך קהל אמונים, און מ'איז זוכה צו זיצן בתוך קהל שלומי אמוני ישראל ובראשינו מלכינו דער רבי שליט"א, און די טויזנטער באטייליגטע קהל קדושים רוגשים, ערליכע בעלי בתים און חסיד'ישע אינגעלייט, יראים ושלמים חסידים ואנשי מעשה, וואס דאס אלעס איז בלויז בזכותו וכוחו של אותו זקן, דער גרויסער בעל הנס, רבינו הק' מרן בעל דברי יואל זי"ע.

דער רבי שליט"א האט געבענטשט ברכת המזון על הכוס, און דאן מכבד געווען גיסו הגה"צ אב"ד דקהלתינו בארא פארק שליט"א צו זאגן שבע ברכות, פאר עטליכע חתנים תלמידי ישיבתינו הק' ובתוכם החתן בן הרה"ג רבי נפתלי הורוויץ שליט"א פון לאנדאן עב"ג בן הרב סיני ט"ב שליט"א בן כ"ק אבד"ק סאטמאר 15'טע עוו. שליט"א. – און אחיו הגה"צ אב"ד דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א מיט ברכה אחריתא.

ספאנטאן האט דער ציבור אויסגעבראכן אין א פייערליכן געזאנג "ימים על ימי מלך תוסיף שנותיו כמו דור ודור", און ארויסבאגלייט דעם רבי'ן שליט"א בריקודי קודש.

דאן האט א ריזן פלאטע פון צענדליגער באסעס אהיימגעפירט דעם גאנצן פארזאמעלטן ציבור, איש אל מחנהו ואיש אל דגלו. ס'איז געווען צום באוואונדערן דעם גאר מסודר'דיגן אויסשטעל פון די באסעס, יעדע געגנט און שטאט אויף אן אנדערע גאס ארום דעם בנין, אויף א גאהר מייסטערהאפטיגער סיסטעם וועלכער איז פלאנירט געווארן וואכן בעפארן די מעמד, וכאשר יחנו כן יסעו, אנגעשעפט מיט באגאזשן פון חיזוק און התעלות, פון די הייליגע שעות של התרוממות וואס מ'האט מיטגעלעבט במקהלות רבבות אלפי ישראל, און די יסודות'דיגע הדרכות לחיזוק הדת.

דער מעמד אדיר איז געבליבן דער געשפרעך פון טאג אין אלע חרדישע צענטערן מיט איר אייגנארטיגקייט, אלס דער גרעסטער חרדי'שער כינוס, ועל כולם דאס ערנסטקייט, דאס מלכות, און דער מעכטיגער ארמיי, דער לגיון של מלך וואס גייט ווייטער לאור תורתו פון רבינו הק' זי"ע און האלטן זיך דבוק ומקושר מיט ממשיך דרכו יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

***-כל כנסי' שהיא לשם שמים סופה להתקיים-***

# גאר שיינע סיום מס' פסחים פארגעקומען אין ביהמ"ד אויף סאוט אכט

א שיינער און אייגענארטיגער סעודת מצוה וסיום מס' פסחים בחבורת יסודי התורה איז געפראוועט געווארן דעם פארגאנגענעם זונטאג נאכמיטאג בבית מדרשינו אויף סטץ אכט סט. אין וויליאמסבורג, ווי עס איז צוגעגרייט געווארן א סעודה גדולה לכל הקהל הקודש, אלע לומדי ומתפללי בית המדרש בנדבת הרבני הנגיד מו"ה פנחס פראנקל הי"ו, לרגל דעם יום הצלה והשחרור פון רבינו הק' והטהור זי"ע.

דער גאנצער מעמד איז געווארן צוגעשטעלט מיט די געטרייע ארבעט פון העסקן החשוב הרב יואל ב"ר

חיים פרנס הי"ו, וועלכער פירט אן מיט די שיעורי תורה אין ביהמ"ד מיט גרויס הצלחה.

עס האט ביי די סעודה אויפגעטרעטן דער יושב ראש הרבני החשוב מו"ה אלימלך שניצלער הי"ו גבאי בית המדרש, וועלכער האט ארויסגעברענגט שיינע שטריכן פון די שיעורי תורה, און זיך שטארק באדאנקט פאר ר' יואל פרנס הי"ו פאר זיין געטרייע עסקנות מרומם צו זיין די שיעורי תורה.

דעם סיום אויף מס' פסחים האט געמאכט הרה"ג רבי מענדל מאשקאוויטש שליט"א מגיד שיעור בחבורת יסודי התורה אין ביהמ"ד, און דאן האט הרה"ג ר' חיים אהרן אונגאר שליט"א מו"ץ געזאגט קדיש דרבנן.

דאן האט מען געהערט א שיינע דרשה מיט רייכע זכרונות ימי קדם פון הרבני החסיד הותיק מו"ה חיים אלטר בראך הי"ו, וועלכער האט זוכה געווען לשמש בקודש ביי רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע. איבער די ערשטע יארן "וויאזוי ס'האט זיך אנטוויקלט די סעודת הודאה כ"א כסלו אין די בראשית יארן".

דערנאך האט מען געהערט א גאר אינהאלסטפולע דרשת הדרן ודברי חיזוק פון הרה"ג רבי ישראל בער שטיין שליט"א מו"ץ קהל יטב לב ומגי"ש בחבורת יסודי התורה אין ביהמ"ד.

צום שלוס האט מען געהערט א רייכע דרשה בדברי חיזוק ללימוד התורה דורך הרה"ג פה מפיק מרגליות רבי הערשל אונסדארפער שליט"א ראש הכולל פאפא בארא פארק יצ"ו, זון פון הגה"צ רבי יעקב אלי' שליט"א אבד"ק ראשית חכמה מאנטרעאל.

מיט ברכת המזון איז מכובד געווארן הרה"ח ר' חיים אלטר בראך הי"ו, און דער ציבור איז זיך צוגאנגען מיט גאר שטארקע קבלות טובות אויף ווייטער, להוסיף אומץ בלימוד התורה.

***-כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו-***

# געהויבענער מסיבת הודאה כ"א כסלו אין קהילתינו הק' אין בני ברק

די יו"ט כ"א כסלו האט זיך שוין אנגעהויבן מיט א געהויבנקייט פון ליל שב"ק בעפאר ווען די תשב"ר תלמידי הת"ת האבן זיך צונויפגענומען – ווי באריכטעט - אין די וואכעדיגן ביהמ"ד אין שיכון און געדאווענט אינאיינעם מיט גרויס התלהבות, צווישן מנחה און קבלת שבת האט פאר זיי אויפגעטרויטן הרה"ג ר' יהושע צבי יאזשעף שליט"א.

במוצאי מנוחה האט די ריזן ציבור זקנים עם נערים געשטראמט צום היכל ביהמ"ד הגדול ויואל משה וואו עס איז פארגעקומען די גרויסארטיגע מסיבת הודאה צוזאמען מיטן סיום מסכת פסחים והתחלת מסכת מגילה במסגרת חבורת יסודי התורה, די ביהמ"ד איז געווען צו קליין צו קענען אקאמאדירן דעם קהל רב, די בימת הכבוד האט פארנומען די רבנים וגאונים פון די קהילה ובראשם הגה"צ ראש הישיבה שליט"א.

א שיינע קאפעליע פון משוררים האבן באשיינט די מסיבת הודאה מיט פאסיגע ניגונים און מיט די זמירות למוצ"ש.

צום ערשט איז געזאגט געווארן דעם הדרן דורך הרב הגאון ר' חיים שלום קליין שליט"א מרבני הקהילה, דערנאך האט אויפגעטרויטן הגה"צ רבי יואל טוביאס שליט"א דער רב פון שיכון ו' אין בני ברק, וועלכער

האט ארויסגעברענגט מיט זייער ווארימע דיבורים וואס איז אונז מחייב אזא טאג פון כ"א כסלו.

מיט יראת הכבוד האט זיך דער ציבור צוגעהערט צו די דרשה פון הגה"צ ראש הישיבה שליט"א וועלכער האט א לענגערע צייט משמיע געווען שיינע און פאסיגע ווערטער לכבוד המאורע.

דאן האט משמיע געווען דער באקאנטער פה מפיק מרגליות הגה"צ קוממיות'ער רב שליט"א, דער רב שליט"א האט אין אנהייב פון זיין דרשה דערמאנט דעם רב'ין שליט"א צו ווען ער האלט זיך אזוי נאנט מיט א קשר עליון דאורייתא, דער רב האט איבער א שטונדע געהאלטן געשפאנט דעם ציבור מיט זייער א רייכע דרשה מלא תוכן, דער ציבור האט זיך צוגעהערט מיט א שטילקייט און נייגער צו יעדעס ווארט.

נאך א לעבעדיגע רקידה של מצוה איז הרבני הנכבד ר' משה חיים ווייס שליט"א לאנגיעריגער מנהל המוסדות מכובד געווארן מיטן בענטשן, דערנאך האט מען זיך געפריידט בריקודין ובמחולות ביז אין שפעטע נאכט שעה'ן.

זונטאג איז פארגעקומען שיינע באזונדערע מסיבות הודאה אינערהאלב די מוסדות אין די תלמוד תורה, ישיבה קטנה און ישיבה גדולה.

***-חסדי ה' כי לא תמנו-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.